בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
פ"ו

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**צדק לפניו יהלך**

**ריקודין של חתונה**

**בה' אהלל דבר, באלקים אהלל דבר**

**אם יאמר לך אדם: היכן אלקיך?!**

**"ביום טובה היה בטוב, וביום רעה ראה"**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**ב'קו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #86**

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר זצ"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של $15 עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ שיעור ליקוטי מוהר"ן, שנת תשל"ה ~

(טייפ מס' 102#)

## צדק לפניו יהלך

(לומד בליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, בסופו) "**וזה שכתוב** (תהלים פ"ה, י"ד)**: 'צדק לפניו יהלך' וכו'. כי יש דרכים רחבים, שהם דרך הכבושה לרבים, וכן יש שבילים, וזה הדרך והשביל נמשך לכאן, וזה - לכאן**".

"**ולכל דרך ושביל יש כנגדו בגלגלים דרך ושביל. וכן בין דרך לדרך גדל כאן עשבים, כן יש גם-כן נגד כל עשב ועשב**" - קעגן יעדע גרעזעלע - אה, מען דארף האבן אמונה אין דעם, דער עיקר איז די אמונה! - אויף יעדע גרעזעלע איז דא א "**כוכב שהוא כנגדו, שהעשב גדל מכחו**" - וואס דער גרעזעלע וואקסט מכוחו - אַה, "אזוי ווי רז"ל זאגן[א]: 'אין לך כל עשב ועשב שאין לו כוכב'" וכו' 'ומכה אותו' און זאגט אים: 'וגדל'."**ולפעמים**", זאגט דער רבי, "אז א מענטש האט עפעס אן עיכוב, א צער אין וועג [אונטערוועגנס], **הוא מחמת כנגד המקום הזה יש שם עיכוב אין דעם כוכב, דער כוכב שיינט נישט אזוי בשלימות**".

"**ועל כן התקנה לזה**", זאגט דער רבי, "**ער זאל געבן צדקה קודם שיצא לדרך**" וויבאלד די צדקה פירט די גלגלים. פארוואס האט ער א עיכוב אין וועג? וויבאלד דער גלגל פירט דאך אזוי; זאל ער געבן צדקה איידער ער גייט ארויס על הדרך, "**כמו שכתוב: 'צדק לפניו יהלך'** - ער זאל פריער געבן צדקה, (ואזוי) **'וישם לדרך פעמיו'**; און דורך די צדקה וועט שיינען דער כוכב, **כי על-ידי צדקה מאירין הגלגלים!**"

בכלל איז אזוי; דער רבי זאגט: אז מען דארף 'כסדר' מרבה זיין אין צדקה וויבאלד די צדקה פירט די גלגלים; נאר אין וועג דארף מען נאך מער געבן!

---

[א] מדרש רבה בראשית פר' י', אות ו'

דער רבי הייבט אן די תורה: אז 'צדקה פירט די גלגלים' און די אלע מאורעות איז מלובש אלץ אין די גלגלים, אין דרך הטבע - און צדקה איז מבטל די (טבע), צדקה פירט די גלגלים, כמאמר חכמינו ז"ל (שבת קנא:): 'כי בגלל הדבר הזה' - 'גלל' איז א לשון 'גלגל' [- הוא החוזר בעולם], צדקה פירט די גלגלים!

"ועל-כן, על-ידי הצדקה שנותן, יבטל עיכובו שיש לו בהדרך, שנמשך מהעיכוב שיש בהגלגלים והכוכבים כנ"ל"! - מען דארף אלץ האבן אמונה אז דאס איז נישט סתם, עס פירט זיך נישט סתם: אז עס מאכט זיך עפעס אין וועג אן עיכוב; מען פארט אמאל אין וועג און מען בלייבט שטיין, אזוי א פאנטשער - דאס איז אלץ פון אויבן, (ולכן העצה לזה) דארף מען געבן צדקה - און צדקה פירט די גלגלים!

"וזה שאמרו רז"ל (הוריות י.): 'כוכב אחד יש, שמתעה את הספינות'" - דער כוכב מאכט בלאנדזשען די שיפן, "היינו כשהספינה מגיעה תחת אותו כוכב, אזי הספינה תועה בדרך", פארוואס? "ווייל דער כוכב - ער לייכט נישט בשלימות"! דאס איז אויך דאס אייגענע; דורך צדקה לייכטן די גלגלים שוין בשלימות!

דער כוכב איז גורם, אז דארטן וואו דער כוכב איז דא, דארטן איז דא אן עיכוב, עס בלאנדזשען די שיפן - און אז מען גיט צדקה, קומט דער שיף נישט צו צו דעם כוכב.

אזא (סארט) כוכב איז דא, אז דער כוכב גייט צו צום ספינה, איז דער ספינה בלאנדזשעט אין וועג; אבער די צדקה פירט אז די ספינה זאל נישט קומען אונטער דעם כוכב - דער אויבערשטער פירט אזוי צו, אז ער זאל נישט קומען אונטער דעם כוכב.

(השואל: וואס איז פשט: "שהעשב גדול מכוחו"?) עשבים וואקסן דורך כוכבים, נישט סתם ער וואקסט, נאר יעדער גרעזעלע האט זיך אויבן א כוכב למעלה און עס איז דא מיליאנען-און-מיליארדן עשבים וואס מיליארדן כוכבים און מלאכים פירן דאס אלץ.

- און ווער פירט זיי? דאס איז די צדקה! צדקה פירט די גלגלים! כוכבים איז דאך אלץ גלגלים, איז ווער פירט די כוכבים אז די כוכבים זאלן שיינען און לייכטן? אלץ צדקה!

"שמש הוא בחינת ברית" - מיר האבן געלערנט[ב]: אז 'שמש בשבת צדקה לעניים', (דהיינו), דאס אז צדקה זאל לייכטן אזוי ווי די שֶמש, איז דורך שבת, און שבת איז אמונה און דער עיקר קיום אמונה איז דורך ברית. זאגט דער רבי: "שמש איז בחינת ברית, ועל ידי פגם הברית אין לנו מָאוֹר השמש, מיר האבן נאר א מראה החמה".

"וזהו בחינת: 'מראה החמה עמוקה מן הצל'" - אז דער 'צל' איז פון אויבן. אז עס איז 'מראה החמה' איז טאקע דער 'צל' פון אויבן, אבער אויב עס איז טאקע דער חַמה אליין, איז דער צל נישט פון אויבן.

זאגט דער רבי: לעתיד וועט דער אויבערשטער ארויסנעמען די חמה מנרתיקה[ג], די חמה וועט נישט זיין תחת הצל, עס וועט טאקע זיין די חמה אליין, עס וועט נישט זיין די מראה החמה.

"ועכו"ם נקראים צל" - וויבאלד זיי מאכן א צל, "כמו שכתוב (ישעי' יח): 'הוי ארץ צלצל כנפים'!". 'הוי' - מען קרעכצט אויף דעם - אז די וועלט איז תחת הצל; אז זיי מאכן דעם צל איז טאקע 'הוי', וויבאלד זיי דעקן צו דעם אור השמש - "והם מכסים אור השמש".

"וזהו בחינת צלצל כנפים", כנפים איז מלשון: א 'לבוש', 'פארשטעלט', "מלשון ולא יכנף עוד מוריך", ווען איז דאס? אז עס איז מראה החמה איז טאקע פארשטעלט. "וזהו בחינת מראה חמה עמוקה מן הצל", אז עס איז נאר מראה חמה איז עמוקה מן הצל, דער צל איז פון אויבן, דער צל פארשטעלט.

"כי אף שישראל עיקר, על-כל-זה", זאגט דער רבי, "העכו"ם מכסין עליהם, גלייך ווי דער גאנצער וועלט איז שלהם, ומכסין העולם בדרך הטבע - עס איז א געוואלדיגע זאך דער וועלט; כוכבים ומזלות, די גלגלים - ממש א דרך הטבע; עס ווערט נאכט, עס ווערט טאג, עס ווערט קאלט, עס ווערט (הייס, וכדו').

"כי באמת הקב"ה מנהיג העולם" - דער אויבערשטער פירט דער וועלט, "והם מכסים הנהגת השם יתברך" - רח"ל, די אלע אפיקורסות נעמט זיך אלס דערפאר ווייל דער וועלט פירט זיך אזוי מיט גלגלים.

[ב] עי' בתחילת התורה, באות ב', שמבאר שם המובא בגמ' מסכת תענית (ח:).

[ג] עי' עבודה זרה ג.

"כי באמת", זאגט דער רבי, "דער אויבערשטער פירט די וועלט. נאר זיי זענען מכסים הנהגת השם יתברך, כאילו מתנהג ח"ו על ידי הכוכבים ומזלות בעצמן", פארוואס איז טאקע אזוי? ווייל זיי דעקן צו די חמה, דער צל זייערער זעהט זיך שטארק ארויס!

"אבער לעתיד לבוא יעביר אותם" - דער אויבערשטער וועט צונעמען דעם דאזיגן צל, "ואז יקויים (במדבר יד, ט): 'סר צילם'" - דער אויבערשטער וועט אפ טאן דעם צל זייערן, "און דאן וועט טאקע נתגלה ווערן דער אור השמש", נישט קיין מראה החמה, "בבחינות: 'וזרחה לכם יראי שמי שמש'!

- און דעמאלט וועט טאקע זיין דער 'שמש' אליין "היינו שיתגלה אור השמש" - אַה! דער צדיק - ער איז דער חמה, דער שמש[ד]. פארוואס טאקע איז דער צדיק פארשטעלט? איז אויך דאס אייגענע - דערפאר ווייל עס איז דא א צל, (אבל לעתיד דעמאלט וועט נתגלה ווערן דער אור השמש.

- "וזהו: 'ומרפא בכנפיה', היינו בחינת: 'ולא יכנף עוד מוריך'" - פארוואס איז נישטא קיין רפואה? ווייל די כנפים - דאס איז די לבוש (שמכסה, אבל לעתיד כשיתקיים:) 'ולא יכנף עוד מוריך', ואז יקויים: 'עד אשית אויביך הדום לרגליך', היינו שהם יהיו למטה, לא כמו שהיו מקודם מראה חמה עמוקה, נאר זיי וועלן זיין דעם 'הדום לרגליך' - דאס בענקעלע אונטער די פיס!

איצטער זענען זיי פון אויבן, אז זיי האבן אין זיך א כח צו מאכן א צל און רח"ל מען ווערט נלכד מיט דיעות פון דרך הטבע; אבער לעתיד וועט דאס נישט זיין, זיי וועלן זיין למטה - "לא כמו שהיו מקודם מראה חמה עמוקה".

"באברהם נאמר: כחום היום, שהוא בחינת שמש", פארוואס? ווייל דער רבי זאגט אז שמש איז די זאך פון ברית; ווען שטייט ביי אים כחום היום? אז ער האט זיך גע'מל'עט און דער אויבערשטער איז געקומען אים מבקר חולה זיין, דעמאלט שטייט כחום היום - דאס איז דער שמש אליין! (דאס הייסט) "על-ידי שמל ונתגלה הברית, הייסט ער: כחום היום, דאס איז דער שמש אליין".

---

[ד] עי' ליקו"מ "לשמש שם באהל" - סי' מ"ט, ובעוד הרבה מקומות.

"התפילה נקראת בחינת רגל" - דאס האט א שייכות צו אויבן; אויבן רעדט דאך דער רבי, אז מען האלט ביי די מדריגה פון ברית, איז די רגלין א בחינת פנים - 'התהלך לפני', דאס עסן איז לחם הפנים (- זאגט דא דער רבי: אז) תפילה איז נקראת בחינת רגל.

ר' נתן, אין א הלכה רעדט ער ארום דעם שמועס - נאר בפשיטות קומט אויס, אז דער רבי רעדט אויבן פון די רגלין: 'התהלך לפני' - אז די רגלין שיינען אזוי אז 'התהלך לפני', זענען די רגלין א בחינת פנים, און פנים איז דאך שלימות אמונה, און אמונה איז דאך די זאך פון תפילה.

דער עיקר און דער שלימות איז טאקע, אז די רגלין זאלן שיינען, די התהלך זאל זיין לפני. דער רבי זאגט אויבן: 'פני ילכו', ילכו איז דאך רגלין, און פני איז דאך אור הפנים, אז די רגלין זאלן זיין א בחינת פנים.

דער רבי זאגט אויבן אז דאס עסן הייסט רגלין; דער רבי טייטשט דאך אויבן, אז זיי האבן געזאגט די 'סבא דבי אתונא': 'מיר האבן א בירא בדברא' - דאס עסן איז אין די מדבר - ברענג עס אונז אריין, עס זאל זיין אינעווייניג, עס זאל זיין א בחינת פנים, דאס עסן זאל זיין א בחינת לחם הפנים; און דאס עסן ווערט אנגערופן רגלין.

אז מען האלט ביי די אלע זאכן: מדריגת אברהם, שמש, ברית - איז דער רגל שיינט, דער רגל איז א בחינת אמונה, דער רגל איז א בחינת תפילה - די רגלין שיינט גאר!

פארוואס קען מען נישט דאווענען? פארוואס האט ער בלבולים ביים דאווענען? ווייל די רגלין זענען ביי אונז נישט בשלימות, די רגלין זענען די אלע - אכילה שתיה - אלע גשמיות'ן זענען נישט בשלימות, זיי שיינען נישט, איז דער פנים אויך נישט קיין פנים, די תפילה איז אויך נישט קיין תפילה (בשלימות), די אמונה איז נישט קיין אמונה (בשלימות).

"כל זה הענין שמענו תחילה בלי ביאור וקשר, וכבר מבוארים הדברים היטב בהתורה אית לן בירא הנ"ל", וכו'.

❖ ❖ ❖

# ריקודין של חתונה

(לומד תורה ל"ב) לשון רבינו ז"ל:

"ה' שפתי תפתח" (תהלים נא, יז) - זאגט דער רבי אזוי: "והוא בחינת ריקודין של חתונה, כי כל זמן שלא נתונה לזיווג, ווערט זי אנגערופן נעַר" (זוה"ק בא לח:). כמה פעמים שטייט אין די תורה נעַר נאר מיט א קמץ (בלא ה"א) - מיר זאגן טאקע נערה, אבער אן א ה"א; און אסאך מאל שטייט נעָרה מיט אן ה"א.

זאגט דער רבי: "נעַר בלא ה"א, גימטרי' ש"ך דינים"; פריער הייסט זי נאר 'נעַר', אפילו מען רופט איר נערה, אבער עס איז אן א ה"א, עס איז אויף איר שׂוֹרֶה דינים פאר די חתונה.

"וכד אתתקנת לזיווג, ווערט זי אנגערופן: 'נערה' - בה"א" - עס קומט איר צו נאך א ה"א, פון וואנעט נעמט זיך די ה"א? "שנמתקין הדינין על ידי ה' אלפין של אקי"ק שבבינה, כמובא ב'פרי עץ חיים', שער עמידה". עס איז א קבלה ווארט, נאר וואס? עס איז נוגע דא צום פשט: פינעף מאל 'דין' באטרעפט ש"ך - 'דריי הונדערט-צוואנציג' ([320 = 64x5] כמנין נע"ר); אבער אז עס קומט צו דעם א' (צו דעם ווארט 'דין'), איז עס אדנ"י; ווערט עס 'נערה' (ה' פעמים אדנ"י, בגימ' נער"ה [5x65 = 325]), באטרעפט עס: 'דריי הונדערט-פינעף-און-צוואנציג'.

אז מען איז ממשיך די ה' אלפין צו דעם 'דין', איז עס ה' פעמים 'אדנ"י', איז 'נער"ה' - דעמאלט איז דא די ה' אויך. און קודם הזיווג פעלט איר די ה' אלפין, איז נאר ה' פעמים דין, איז טאקע ש"ך, ש"ך דינים; אבער אז עס קומט צו די ה' אלפין, ווערט שוין ה' פעמים אדנ"י; איז שוין נערה, איז שוין א המתקה.

"נמצא הכלה עדיין בבחינת נער, בבחינת ש"ך דינים" און זי האט נאך נישט די ה' אלפין, "וצריך להמתיקה ולתקנה" אז עס זאל נמשך ווערן די ה' אלפין, עס זאל ווערן ה' פעמים אדנ"י, וויאזוי ווערט דאס? - זאגט דער רבי: "דורך די ריקודין" - א חתונה, מען איז מרבה בריקודין, ווערט ה' פעמים אדנ"י - דורך די ריקודין!

- ווארום די ריקודין זענען דאך מיט די רַגלין, מען טאנצט מיט די רגלין "כי הרגלין הם בבחינת נצח והוד" - נצח והוד זענען די תרין שוקין, איז די רגלין 'נצח והוד', "והם נתנשאים על-ידי הלב" - די רַגלין ווערן אויפגעהויבן, מען הייבט זיך, מען טאנצט דורכן לב; "דורך שמחת הלב" ווערן אויפגעהויבן די רגלין, עס טאנצט זיך!

- "כנראה בחוש שעל-ידי שמחת הלב מרקדין, כמו שכתוב גבי יעקב (בראשית כט, א): 'וישא יעקב את רגליו', ופירש רש"י: 'לבו נשא את רגליו'", זעהען מיר אז די רגלין ווערן אויפגעהויבן דורך שמחת הלב "ולב הוא בינה, כמו שכתוב (פתח אליהו): 'בינה לבא', ובה הלב מבין" און דערפון נעמט זיך די ה' אלפין; דורך די ריקודין ווערט דאך אויפגעהויבן דאס הארץ, קומט דעמאלט צו די ה' אלפין, ווערט שוין נערה, ווערט שוין נמתק די דינים.

"על-כן צריך לכוון בריקודין" - ווען מען מאכט די ריקודין, "צו ממשיך זיין די ה' אלפין שבלב, על-ידי הרגלין להכלה, שהיא בחינת ה' פעמים דין, גימטריא ש"ך, גימטריא נער. ועל-ידי אור הלב שנמשך לה, נעשית נערה בה"א" - ווען עס קומט צו די ה' אלפין ווערט נערה בה"א "ונעשית ה' פעמים אדנ"י".

זאגט דער רבי: "וזה בחי' אדנ"י" - אדנ"י איז דאך די המתקה, אז עס קומט צו די אל"ף איז דאך אדנ"י - איז דורך וואס ווערט אדנ"י? אז "'שפתי תפתח' - שעל-ידי השפתיים, שהם 'נצח והוד', נפתח ונמתק הכלה בבחינת זיווג, ונעשית בחינת אדנ"י, שהיא נערה, שהיא ראויה לזיווג".

"וזה דאיתא במדרש (בראשית פ' ע', י"ח): כשנשא יעקב את לאה, בשעה שהיו מרקדין היו מזמרין הייא לייא, לרמוז ליעקב הא לאה".

פארוואס עפעס לאה? "היינו כי לאה היא עלמא דאתכסיא" (זוהר ויצא קנד); רחל ליגט ביים פרשת דרכים, מען גייט צום קבר - מען ווייסט וואו רחל איז, רחל איז באתגליא; לאה איז באתכסיא, לאה ווערט אנגערופן: 'עלמא דאתכסיא'! 'עלמא דאתכסיא' איז דאס הארץ - דאס הארץ איז פארבאהאלטן "שהוא בחי' הלב, כמו שכתוב (תהלים קיט, יא): 'בלבי צפנתי אמרתך'".

לאה איז די זאך פון דינים, לאה איז דאך דער זאך פון 'עלמא דאתכסיא'; 'אתכסיא' איז דאך דאס הארץ - און דאס הארץ איז דאך בינה לבא - איז דאך דארטן דא דינים,

ממילא דארף לאה האבן א המתקה פון די ה"א, פון 'הא לאה', אז דער ה"א זאל ממתיק זיין די דינים וואס עס איז דא פון לאה.

"ומשם המיתוק של הדינים, כשממשיכין ה"א מהלב" - פון דארטן פון די ה' ווערט דער המתקה של הדינים אז מען איז ממשיך די ה"א פון דעם לב.

"וזה הא לאה" - דאס איז וואס זיי האבן געשריגן: 'היי לאה' - "שצריך להמשיך מלאה האלפין, כדי להמתיק ולתקן את הכלה. גם היו אומרים, שהכלה שמה לאה, שעל-ידי בחינת עצמה נמתקת".

'בינה' איז טאקע 'גבורה' און פון דארטן אליין גייט ארוים דער מיתוק, דער המתקה!

'זיי' האבן געשריגן דארטן: 'היי לאה' וואס דאס איז רומז אויף ה"א לאה; זיי האבן דאס געזאגט - זיי ווייסן נישט (- הם, לבן וחבריו, לא כוונו לעומק הכוונה הזה בכלל) - מען זעהט דאך כמה ווערטער וואס עס שטייט אין די תורה הקדושה - און עס שטייט פון זיי (מהעכו"ם, והכוונה הוא) מען האט אריינגעגעבן אין זיי אז זיי זאלן זאגן אזעלכע ווערטער; 'טוטפות' - 'טט בכתפי שתים'[ה] (וכדו').

- דער אויבערשטער האט שוין אריינגעגעבן אזוי אין זיי אז זיי זאלן זאגן די ווערטער: 'היי לאה'; לאה דארף דאך א המתקה, לאה איז דאך דינים. טאקע לאה (היו הכל אומרים שתיפול) בגורל עשו[ו], ווייל לאה איז געווען די עלטערע, זי איז כסדר געווען אין דינים - לאה, זי האט געהאלטן אין איין וויינען[ז].

טאקע ביי לאה - שטייט אין זוהר הקדוש[ח] - עס שטייט אין תיקונים אויך: 'והנה נער בוכה, מיד ותחמל עליו'. 'והנה נער בוכה'; נער - בשעת עס איז נער, איז בוכה, איז לאה איז דאך געווען נער אן א ה"א, לאה איז דאך געווען אין דינים, האט זי דאך אסאך געוויינט; 'מיד ותחמל עליו' - איז באלד געווארן דער 'ותחמול עליו' און עס איז געווארן די ה"א, עס איז געווארן א המתקה, עס איז געווארן נערה.

[ה] עי' בגמ' מנחות לד:, ובליקו"מ סי' ל"ג, אות ב'.

[ו] עי' רש"י ויצא עה"פ: 'ועיני לאה רכות'

[ז] עי' זוה"ק וארא כט:.

[ח] תיקוני זוהר, תיקון י"א, כו:, ועוד.

(השואל: וואס זאגט דער רבי דא צום סוף: "שעל-ידי בחינות עצמה נמתקת"?) **לאה אליין איז עלמא דאתכסיא** - בינה, און 'בינה' איז 'דינים מתערין מינה' - (אבל כמו"כ) **אין בינה** ווערן זיי נמתק. פון בינה גייט ארויס די גבורה און פון דארטן ווערט א המתקה; און די הארץ איז די שורש פון דינים און פון דארטן ווערט די המתקה - שוין! גענוג! מער קבלה ווייסן מיר נישט! איך ווייס נישט דאס אויך נישט; נאר אז דער רבי ברענגט עס דא, מוז מען דאך עס לערנען!

❖ ❖ ❖

## בה' אהלל דבר, באלקים אהלל דבר

(לומד תורה ל"ג) **"מי האיש החפץ חיים, אוהב ימים לראות טוב"** (תהלים לד, יג).

**"הכלל הוא, שצריך לבקש שלום"** - מען דארף זוכן שלום, מען דארף בעטן שלום, מען דארף ווען שלום **"שיהיה שלום בין ישראל, ושיהיה שלום לכל אדם במידותיו"** - אין זיינע מידות זאל זיין שלום.

**"היינו שלא יהיה מחולק במידותיו ובמאורעותיו"** - א מענטש זאל תמיד זיין גאנץ מיטן אויבערשטן, תמיד זיין שָׁלֵם, וואס עס מאכט זיך עפעס א פיראכטץ, וואס עס טרעפט זיך מיט אים, זאל תמיד נישט זיין קיין חילוק ביי אים, 'במידותיו ובמאורעותיו', **"שלא יהא לו חילוק בין בטיבו בין בעָקו, תמיד ימצא בו השם יתברך"**.

דאס הייסט אויך שלום - אז דער מענטש איז אים עפעס א חילוק אין די מאורעות; אזוי אז ער איז פריילעך, איז ער גאנץ - און אזוי נישט, איז שוין נישט קיין שלום! איז ער שוין נישט גאנץ מיטן אויבערשטן! ווייל ווער פירט היינט אזוי? ווער האט נעכטן געפירט אזוי? אלץ דער אויבערשטער!

טאמער חלילה ביי אים איז א חילוק פון דעם-ביז-דעם, איז ער דאך נישט גאנץ מיטן אויבערשטן; ער מאכט א חילוק פון נעכטן ביז היינט, פון היינט ביז שפעטער. מען מעג בעטן דעם אויבערשטן אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן; אבער שלום איז טייטש אז ער זאל זיין גאנץ תמיד - **"תמיד ימצא בו השם-יתברך!"**.

- דאס הייסט אויך שלום! קיינער קריגט זיך נישט מיט אים, קיינער האט נישט קיין מחלוקת מיט אים. אז ביי דעם מענטש אליין איז נישטא אז עס זאל זיין ביי אים גלייך אז וויאזוי דער אויבערשטער פירט זיך מיט אים זאל זיין ביי אים גלייך - פעלט נאך די שלום, איז נאך נישט דער שלום.

"היינו (שם נו, יא): בה' אהלל דבר, באלקים אהלל דבר". אין תהלים שטייט דאך פריער 'אלקים' און נאכדעם 'בה' אהלל דבר' (- ולכאורה רבינו כתב להיפך?. אבל באמת) אין גמרא[ט] ברענגט ער אויך פריער 'בה' אהלל דבר', (דאס מיינט) אזוי; מען וויל אנהייבן פריער מיטן ה', מיט רחמים! מיט רחמים הייבט מען אן פריער! דער אויבערשטער זאל פירן מיט רחמים.

"ועל ידי מה ימצא השם-יתברך בין בטיבו בין בעקו" - וויאזוי וועט ער געפונען דעם אויבערשטן אין אלע - "בין בטיבו בין בעקו?". זאגט דער רבי: "על-ידי התורה הנקראת שלום, כמה דאת אמר (משלי ג, יז): 'וכל נתיבותיה שלום'" - אזוי זאגט דער זוהר הקדוש[י] (שהתורה נקראת שלום). וויבאלד אין די תורה הקדושה איז דא 'שבילין דרכים ונתיבות', 'וועגן', (וע"כ נקראת התורה: 'נתיבות), 'וכל נתיבותיה שלום' - דאס איז איין זאך.

(ועוד עצה) "ועל-ידי צדיקים שנקראו גם כן ברית שלום. ומחמת זה" - דורך די תורה הקדושה, דורך די צדיקים, קען ער ליב האבן השי"ת - "יכול לאהוב את השלום בכל מקום, הן בטיבו וכו', ויכול להיות שלום בין ישראל, ולאהוב זה את זה".

רעדט דער רבי אזא מין סארט שלום, א שלום בין ישראל - ליב האבן איינער דעם אנדערן, עס זאל זיין שלום ביי זיך אליין, ער זאל זיין גאנץ מיטן אויבערשטן, אן קיין שום חילוק - דאס איז דורך די תורה און דורך די צדיקים.

(השואל: אין תורה ד' זאגט דאך דער רבי אנדערש?) דארטן זאגט דער רבי אז דורך וידוי דברים[יא] (עיי"ש) - גאנץ לקוטי מוהר"ן איז א רעצעפט, א רעצעפט הייסט: א 'מרקחת'! מען מישט אוים, מען מישט אוים גוט (לרפואה).

---

[ט] מס' ברכות ס:, וז"ל: "מאי 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה' וכו', לא נצרכה אלא לקובלינהו בשמחה, [מאי קרא], רבי שמואל בר נחמני אמר מהכא בה' אהלל דבר באלקים אהלל דבר".

[י] זוהר קרח קעו:

[יא] וז"ש באות א': "כשאדם יודע שכל מאורעותיו הם לטובתו, זאת הבחינה היא מעין עולם הבא, כמו שכתוב: 'בה' אהלל דבר באלקים אהלל דבר'. וזאת הבחינה היא מעין עולם הבא וכו'". ובהמשך שם אות ב': "וזאת הבחינה אי אפשר

(וא"כ) **יעדער תורה איז א באזונדערע רפואה**[יב].

**ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט נישט וועלן מישן איין תורה מיט די אנדערע, ער האט געוואלט זעהן נאר אין די תורה אליין!**[יג] **אז די תורה איז א רפואה, קען מען דא אליין געפונען אלע זאכן! - איז דא רעדט דער רבי, פון תורה און צדיקים!** (- שעל ידם יהיה שלום בכל מידותיו ובמאורעותיו).

**תורה אליין אָן דעם צדיק, האט מען שוין געזעהן אין די פריערדיגע תורה** (תורה ל"א) **אז מען קען זיין א רשע גמור פון תורה אליין!**[יד]

**"ה' צבאות" - דורך** (בחינת) **צדיק - דעמאלט קען זיין שלום ביי זיך, בין ישראל, און אין די מידות** (עי' בהתורה להלן בפנים).

❖

# אם יאמר לך אדם: היכן אלקיך?!

(אות ב') **"וצריך לדעת, ש'מלא כל הארץ כבודו', ולית אתר פנוי מיניה, ואיהו ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין** (ר"מ פנחס רכה.). **ואפילו מי שעוסק במשא-ומתן בעכו"ם, לא יכול להתנצל ולומר: אי אפשר לעבוד את השם יתברך מחמת עביות וגשמיות שנופל תמיד עליו מחמת העסק שעוסק תמיד עמהם, כי כבר גילו לנו חכמינו זכרונם לברכה, שבכל דברים גשמיים, ובכל לשונות העכו"ם, יכול למצוא בהם אלקות, כי בלא אלקותו אין להם שום חיות וקיום כלל, כמו שכתוב** (נחמיה

---

להשיג, אלא כשמעלה בחינת מלכות דקדושה מהגלות מבין העכו"ם וכו'". ושם באות ג': "ואי אפשר להשיב המלוכה להקדוש ברוך הוא אלא על ידי וידוי דברים לפני תלמיד חכם. על ידי זה מתקן ומעלה בחינת מלכות לשרשה".

[יב] עי' מכתבי ר' נתן בר"י, מכתב ע"ט, מש"ש: "ולהינצל מזה העולם הנסיון אין עצה עתה בדורות האלו כי אם לעסוק בספרי רבנו ז"ל ותלמידו הקדוש, כי הם חיינו ואורך ימינו עתה, כי מי שאינו עוסק בהם בתמידות אין אני יודע איך הוא חי! כי כל תורה וכל הלכה הוא ריצעפט אחר להחיות הנפש והגוף בזה ובבא! ואנו נפשות חלושות מאד שהס"מ לועס אותנו בכל יום בשיניו; ורבינו ז"ל ותלמידו הקדוש הם דאקטורים כאלו שיכולין להחיות נפשות הלעוסים מבין שיניהם ולעשות אדם לשבת על הכסא רק אם יקבלו הריצעפטין שלהם ולהיות בקיאים בהלכה ושלא ליפול משום דבר" וכו', עיי"ש.

[יג] עי' בספר ביאור הליקוטים ב'דברי פתיחה', וב'כלל הראשון' של הח"י כללים שם בההקדמה.

[יד] שם באות ט', וזל"ש: "כל צדיק צריך שיהיה למדן בתורה, וחסיד במעשים טובים. כי אם אינו למדן, אמרו רבותינו, זכרונם לברכה: 'ולא עם הארץ חסיד'. ולמדן בלבד בוודאי אינו כלום, כי אפשר להיות למדן ורשע גמור! ולא זכה נעשה לו סם מות, על כן צריך שיהיה למדן וחסיד (עיין זוהר פנחס רי"ג: והאי צדיק חסיד איקרי ועיין מק"מ שם:)".

ט, ו): 'ואתה מחיה את כולם'. לבד שהחיות ואלקות הזה שם בצמצום גדול ובמיעוט, רק כדי חיונו להחיותו ולא יותר".

"כי הקדוש-ברוך-הוא צמצם את אלקותו בצמצומים רבים ושונים, מראשית המחשבה עד נקודת המרכז של עולם הגשמי, ששם מדור הקלפות, ובכל מה שמשתלשל יותר ומתצמצם יותר למטה, אלקותו מלובש שם במלבושים רבים יותר" - וואס דער זאך איז העכער, איז ווינציגער לבושים דא - שיינט דארט מער דאס אלקות; ווי נידריגער, איז עס מער פארדעקט, מער פארדעקט - אבער עס איז דארטן דא אלקות.

"וזה שגילו חז"ל ופתחו לנו פתח, שהמשכיל יֵדע ויבין, שבכל הדברים גשמיים יש אלקותו וחיותו, כמו שאמרו חכמינו, זכרונם לברכה (מנחות לד:): 'טט בכתפי שתים, פת באפריקי שתים'", וויבאלד 'זיי' זאגן דארטן 'טט'-און-'פת', איז טוטפת מיינט מען צוויי-און-צוויי - דאס איז די פיר פרשיות פון די בתים.

- "להודיע שבכל לשונות העכו"ם יש שם אלקותו המחיה אותה"; ווען אין דער לשון זאל נישט זיין קיין אלקות וואלט עס ווען נישט געהייסן: 'טט', וואלט עס נישט געהייסן: 'פת'; אז עס שטייט אין די תורה: 'טוטפת' - 'טט' 'פת' - און זיי זאגן דארטן אויף צוויי - 'טט', איז מרומז דארטן א רמז פון אלקות.

"וזה שמביא בירושלמי (תענית פ"א): אם יאמר לך אדם היכן אלקיך - ער פרעגט: 'היכן אלקיך?' ער זאגט נישט אלקים, נאר "אלקיך, תאמר לו: בכרך גדול שברומי" - זאלסטו אים זאגן: אפילו בכרך גדול שברומי, "שנאמר (ישעי' כא, יא): 'אלי קורא משעיר'".

"נמצא, שזה האדם ששאל היכן אלקיך, בוודאי הוא משוקע במדור הקליפות, כי הוציא את עצמו מן הכלל וכפר בעקר, שאמר: היכן אלקיך, ונדמה לו שבמקומו אין שם אלקים, בכן תאמר לו: אפילו במקומך שאתה משוקע במדור הקליפות, גם-כן שם תוכל למצוא אלקותו, כי הוא מחיה את הכל, כמו שכתוב: 'ואתה מחיה את כולם'".

- דער רבי זאגט: "וכפר בעיקר", ווייזט אויס, אז דער כפר בעיקר איז אויך דערפאר; ווייל ער מאלט זיך נישט אויס, אז דער אויבערשטער זאל זיין ביי אים אויך, ער איז אזוי ווייט. זאלסטו אים זאגן: ניין, אפילו ביי דיר - דער אויבערשטער איז נאך ביי דיר אויך!

עס איז דא מענטשן וואס האבן אין זיך כפירות; הייבן הייבט זיך עס אן ווייל ער איז זייער מגושם, ער איז זייער מזוהם, דערפאר דאכט זיך אים אז דער אויבערשטער איז נישט מיט אים, (באמרו:) 'עס קען נישט זיין, ווי קען זיין אז דער אויבערשטער זאל זיין מיט מיר!?' - ממילא פאלט ער אריין אין כפירות[טו].

ער איז א כופר דערפאר; ווייל ער ווייסט דאך ווער ער איז, (וחושב לעצמו:) 'איך ליג אזוי אין די מדור הקליפות, קען דען זיין אז דער אויבערשטער זאל זיין ביי מיר אויך?!' - זאלסטו אים זאגן: ניין! אפילו דארטן וואו דו ביסט, קענסטו זיך אויך מדבק זיין 'בו יתברך'!

אסאך רחוקים ווערן דערווייטערט נאר דערפאר ווייל זיי גלייבן נישט אז דער אויבערשטער זאל זיין ביי אים! ער ווייסט דאך ווער ער איז, פאלט ער אריין אין כפירות! (רח"ל) - זאלסטו אים זאגן: ניין, ביי דיר וואו דו ביסט איז דארטן אויך דא דער אויבערשטער!

"ומשם אתה יכול לדבק את עצמך בו יתברך ולשוב אליו בתשובה שלימה, כי לא רחוקה היא ממך, אלא שבמקומך שם רבו הלבושים" - דארטן וואו די ביסט איז זייער אסאך פארדעקט, דארטן איז זייער אסאך לבושים.

וואס דער מענטש טוט עפעס א זאך - אז א מענטש טוט עפעס אן עוולה אקעגן דעם אויבערשטן, מאכט ער נאך א לבוש אויפן אלקות, נאך א לבוש אויפן אלקות.

---

[טו] עי' ליקו"ה שבועות ה"ב, אות ב', וזל"ש: "אך הענין מבואר ע"פ מה שמבואר ומובן בכל דברי רז"ל ובפרט בזוהר הקדוש ובכתבים שעיקר שלימות האמונה הקדושה הוא להאמין שהשי"ת רוצה בעבודת האדם בזה העולם אע"פ שא"א להבין זאת בשכל אנושי בשום אופן. אעפ"כ כבר גילו לנו אבותינו ורבותינו הקדושים מימות אברהם אבינו ע"ה ומשה רבינו, שהאמת הוא כן, וזה כלל ויסוד כל תורתינו הקדושה! וכמו מי שהוא כופר במציאותו יתברך ח"ו הוא כופר ומין ימ"ש, כמו כן אפילו אם אומר שמאמין במציאותו יתברך וכופר בזה שאינו מאמין שהוא יתברך חפץ בעבודתינו הוא ג"כ כופר ומין!... וזהו עיקר החילוק שבין ישראל לבין הגוים והמחקרים! כמו ששמעתי מפי אדמו"ר ז"ל (עי' שיחות הר"ן מ')... וזה עיקר כפירתם, ומחמת זה הם רחוקים מהאמת כ"כ! כי עיקר אמונה השלימה הוא אמונת ישראל עם קדוש שזכינו לקבל את התורה הקדושה על ידי משה רבינו ע"ה שעיקר יסודה להאמין שאע"פ שהשי"ת מרומם ומנושא מכל העבודות של האדם אעפ"כ הוא חפץ בעבודתינו!". גם עי' מזה בהל' מו"מ ה"ד.

אים דאכט זיך אז עס איז גארנישט, (אבל באמת) א מענטש אז ער גיט א קוק, ער גיט א רעד א זאך, א טראכט, ווערט נאך פארדעקט, נאך פארדעקט.

ווייטער, די זעלבע זאך - פארקערט; אז ער האלט זיך, ער האט חרטה - גייט אראפ א לבוש. (אבל באופן כללי) וויבאלד ער האט זייער אסאך לבושים, זעהט זיך עס נישט אן אזוי פיל באלד. אז עס ווערט ווינציגער א לבוש אדער חלילה עס ווערט מער א לבוש - זעהט זיך נישט אן, ווייל עס איז ממילא פארדעקט; אבער דער אמת איז אז די קדושה האט נישט קיין שיעור און די קליפות האט אויך נישט קיין שיעור; דא ווערט חלילה נאך א לבוש, און דא ווערט ווינציגער א לבוש.

"וכל מה שאדם הולך ממדריגה למדריגה, הוא מתקרב יותר אל השם-יתברך, ויכול לידע את השם-יתברך בהבנה יתירה" - וואס עס איז ווינציגער לבושים איז די הבנה מער! די אייגענע (זעלבע) תורה איז דאך דא פאר יעדן איינעם, עס ווערט דען חלילה נתוסף עפעס אן אות אין די תורה מער? נאר וואס? דארטן איז מער א לבוש - איז פארשטעלט מער, ממילא אים שיינט עס און אים שיינט עס נישט, ווייל עס איז פארשטעלט. דער רבי זאגט: 'בהבנה יתירה'.

"כי כל מה שהמדריגה יותר עליונה, נתמעטו הלבושים ונתמעט הצמצום, ואז הוא מקורב יותר אל השם-יתברך, קען ער זיך ליב האבן מיט השי"ת באהבה יתירה".

- פון וואנעט איז דער חילוק פון א צדיק ביז א רשע - פון אן איש כשר ביז נישט אן איש כשר? א איש כשר איז אן ענין אחר לגמרי[ט]: ער טוט נאר דעם אויבערשטנס רצון, ער גיבט אכטונג אויף יעדער זאך - (לכן) איז ביי אים נישטא קיין לבושים, איז ער טאקע אן איש כשר! ווען ער טוט א זאך איז לעכטיג און פיין, זיין דאווענען, זיין לערנען, זיין גיין - פארוואס? ווייל ער היט זיך נאר אז ער זאל נישט טוהן אקעגן דעם אויבערשטנס רצון!

---

[ט] עי' שיחות הר"ן י"ד: "אני מקנא מאד איש כשר (שקורין ערליכר יהודי), כי נדמה שהולך בן אדם עם דקין וכרכשות ואברים כשאר כל העולם ואף על פי כן באמת הוא ענין אחר לגמרי! כי איש כשר יקר מאד אשרי לו! והעיקר הוא הרצון והכסופין!" וכו' עיי"ש.

דער רבי האט געזאגט: 'עס האט א פנים אז מען דארף זיך זייער היטן פון אן הרהור'![יז] (ולפעמים חושב האדם לעצמו:) נו, מסכים, וואס איז דא? וואס איז ער געווארן אנדערשער? ער עסט און טרינקט, וואס? (אבל האמת) עס איז געווארן אן אנדערער לבוש, עס איז געווארן פארדעקט, עס איז געווארן פארשטעלט אז מען דארף האבן גרויס רחמים, גרויס רחמים! דאכט זיך מיר, אין די תפילה רעדט רבי נתן דארטן[יח], אז מען ווערט אפגעריסן פונעם שורש החיים דורך מחשבה! דארף מען גרויס רחמים מען זאל זיך אומקערן קריק.

אבער וואס טוט ער דא? וואס האט ער דא געטוהן? וואס זעהט מען דא?; דארף מען אלץ האבן אמונה, גלייבן אז אזוי איז, כאטש איך פיל נישט; וויסן אז וואס נענטער צום אויבערשטן, איז ווינציגער לבושים - שיינט עס מערער. א גראבע זאך, אן עבירה, זעהט ער שוין איין, אבער אזוי, וואס האט ער דא געטאן?! וואס האט ער דא גערעדט?! וואס האב איך דא געטאן?

דער בעל החרדים זאגט[יט]: עס איז פארהאנען איינער וואס ער ווייסט נישט - ער מיינט אז זיין תשובה איז גרויסע זאכן, תעניתים וסגופים, ער ווייסט נישט אז זיין תשובה הענגט אן דערינען ער זאל זיין נזהר ער זאל נישט רעדן אין בית מדרש דיבורי חול - דאס איז זיין תשובה! און אז ער וועט זיך היטן פון דער זאך, אז דאס איז זיין ציל - וועט ער שוין ממילא ווערן (נשתנה).

מען ווייסט נישט פארוואס קומט מען נאכאמאל אין דעם עולם און וואס האט ער פוגם געווען פריערדיגער מאל וואס דערפאר איז ער געקומען נאכאמאל, למשל; ער

---

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא, קי"ד: "פעם אחד דיברתי עמו ז"ל וכו'... אך בתוך זה יצאו מפיו הקדוש דבורים אלו: 'סע האט א פנים אז מע מוז זיך פון א הרהור זייער היטן!'".

[יח] ליקוטי תפילות, תפילה ה', וזל"ש: "אָנָּא הַשֵּׁם רַחֲמָן מָלֵא רַחֲמִים. טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל. אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת גֹּדֶל עֹצֶם הַפְּגַם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא הַנּוֹגֵעַ בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים מְאֹד עַל יְדֵי כָּל מַחֲשָׁבָה רָעָה, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן עַל יְדֵי הִרְהוּר רַע חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁהוּא פּוֹגֵם וּמְקַלְקֵל מְאֹד בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, וְעוֹקֵר אֶת הָאָדָם חַס וְשָׁלוֹם מִמְּקוֹר הַחַיִּים, עַד אֲשֶׁר קָשֶׁה לוֹ עוֹד לָשׁוּב וּלְהַשִּׂיג אָרְחוֹת חַיִּים, וְכָל שְׁאָר הַפְּגָמִים הָעֲצוּמִים וְהַנּוֹרָאִים עַד גָּבְהֵי מְרוֹמִים, הַנּוֹגְעִים בְּמָקוֹם שֶׁנּוֹגְעִים, שֶׁנַּעֲשִׂים עַל יְדֵי כָּל מַחֲשָׁבָה רָעָה וְהִרְהוּר הַנִּכְנָס בַּמּוֹחַ חַס וְשָׁלוֹם", וכו'.

[יט] ריש פרק ע"ד: "אמר הנביא ירמיה: 'נחפשה דרכינו ונחקורה', זה שנאמר במקום אחר: 'והיה עקב תשמעון', ואמרו רז"ל שרוצה לומר: אם תשמעו ותעשו המצות הקלות שאדם דש בעקביו. ואמר הכתוב עון עקבי יסובני, הם העבירות הקלות שדש בעקביו, והכי נמי דרכינו, היינו העוונות שאנו דורכים ברגלינו ודשים בעקבינו, ונשובה עד ה', שאם לא ידע החולה מחלתו איך יבקש לה רפואה".

איז נישט נזהר געווען אין שיחה בטילה, איז ער נאכאמאל געקומען צוליב דעם - איז דאך אינגאנצן זיין תשובה געווען בטילה, איז ער נאכאמאל געקומען צוליב דעם נאכאמאל!

אז דער בעל דבר ווייסט אז ער איז געקומען צוליב דעם, איז ער זיך נאך מער מתגבר אויף אים אויף דער זאך.

עס שטייט טאקע פון דעם בעל התניא[כ]: 'ואנחנו לא נדע מה נעבוד עד בואינו שמה' - "ווייל מיר האבן נישט געוואוסט מיט וואס מיר דארפן דינען דעם אויבערשטן ביז מיר קומען דארט". דארטן וועט מען אונז זאגן צו וואס מיר זענען געקומען אהער!

אבער יעדער איינער דארף דאך וויסן - ער טוט א זאך, אפשר דארף איך זיין נזהר אין דער זאך! אפשר בין איך צוליב דער זאך געקומען, צוליב דער זאך אינגאנצן בין איך געקומען נאכאמאל א גלגול.

יעדע זאך דארף ער מורא האבן, א דיבור, א טראכט, מעשים - מען זאגט דאך נישט אוים פון אויבן צו וואס מען איז געקומען, דארף מען מורא האבן. צדיקים האבן טאקע מורא געהאט אויף יעדע קלייניקייט און מדקדק געווען!

❖

## "ביום טובה היה בטוב, וביום רעה ראה"

(אות ג') "והנה יש שני מיני ימים: ימי טוב וימי רע, כמו שכתוב: (קהלת ז, יד): **ביום טובה היה בטוב, וביום רעה - ראה**" - וואס הייסט ראה? (ממילא) "ביום טוב היה בטוב" - (רוצה לומר:) דאווען, לערן - דאס איז א גוטע טאג; (אבל) "וביום רעה" איז "ראה"? וואס זאל ער זעהן? - זאגט דער רבי: דער מענטש דארף זיך איינקוקן דארטן; אים דאכט זיך אז עס איז א 'יום רעה', אז אין דעם טאג איז נישטא קיין טוב; ער זאל אבער גוט גוט זיך איינקוקן, וועט ער דארטן אויך געפינען ימי טוב.

[כ] עי' ספר בית אהרן (קרלין) פרשת בא, וז"ל: ואעפ"כ כל זמן שהנשמה בגוף האדם אם יחי' אלף שנים לא ישיג גדולת הבורא ב"ה ואיך לעבוד אותו! לזה אמר הכתוב: 'ואנחנו לא נדע מה נעבוד את ה' עד בואינו שמה' - בעולם האמת ושם יהיה לעתיד צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה, אמן!".

'ביום רעה' - איז דאך היינט א שלעכטע טאג, איך קען היינט גארנישט - איך וועל מארגן מאכן בעסער, זאגט ער: ביום רע - ראה; קוק זיך איין גוט וועסטו דארטן אויך געפונען טוב, וואס הייסט ראה? "היינו, שצריך לאדם להסתכל שם היטב היטב, בוודאי ימצא שם ימי טוב, היינו תורה".

אפילו אין דעם טאג וואס דיר דאכט זיך אז עס איז שוין 'רעה', וועסטו דארט אויך טרעפן. עס איז טאקע ימי רע, אבער אזוי פיל 'ימי רע' אז ער זאל שוין אינגאנצן זיין ווייט, ער זאל גארנישט טאן? (ע"ז אומרים לו:) 'ראה' - זאלסט זעהן אז דארטן איז אויך דא טוב.

און דייקא די טאג, אז ער כאפט ארויס די טאג, איז א געוואלדיגע נחת רוח למעלה, קען ער טאקע נשתנה ווערן אויף גאר עפעס אנדערש! דייקא אין דעם טאג וואס דיר האט זיך געדאכט אז דאס איז א יום רע.

טאקע אין די הלכה דארט[כא] פון ספירה, דארטן - 'יום הוא, יום הוא, יום לבנות גדריך, יום ההוא ירחק חק'. 'יום הוא' - דער טאג איז 'ירחק חק' - איך קען נישט דעם טאג, (אבל באמת) ניין! עס איז א טאג!

ר' נתן ברענגט דארט[כב], מען מאכט א סעודה - עס איז א סעודה, עס איז א וועג, ניין, דאס איז א טאג, דאס איז אויך א טאג!

---

[כא] ליקו"ה פקדון ה"ד, אות ז': וז"ש (מיכה ז, יא): 'יום לבנות גדריך יום ההוא ירחק חוק יום הוא ועדיך יבא למני אשור' וכו', ועיי"ש בפירוש רש"י שפי' לפי ענינו שהדיבור מוסב אל האומות שמתגרין בישראל עיי"ש. ולפי ענינינו יתפרש היטב: שישראל אומרים אל העכו"ם שהם בחי' הסט"א והקליפות המסבבין את הקדושה שמהם כל המניעות והבלבולים והדחיות שבכל יום, עד שנדמה כאילו זה היום אינו יום כלל. וזהו: 'יום לבנות גדריך', כלומר אתם הסט"א והמניעות והדחיות אתם אומרים שזה היום הוא רק 'לבנות גדריך' היינו הגדרים של הסט"א שהם בחי' הגדר שיש על כל יום ויום שלא יתקרב להטוב שבכל יום כמו שכתוב בזוהר הנ"ל 'דכל יומא אית ליה גדר מלבר' וכו' כנ"ל. וזהו: 'יום ההוא ירחק חק' שאתם אומרים שהיום הוא רק לבנות גדריך דהיינו הגדרים והמסכים שעל כל יום שהם המניעות והדחיות אבל הוא רחוק לעסוק בזה היום בתורה שנקראת חק ומשפט, וזהו: יום ההוא ירחק חק שבזה היום ירחק חק שהוא התורה כי א"א לעסוק בתורה ועבודה בזה היום מחמת דחיות ומניעות כנ"ל. **אבל באמת אינו כן כי 'יום הוא ועדיך יבא' כי בוודאי זה היום הוא יום גמור ובוודאי נשתדל ונתגבר לעסוק בזה היום דייקא בתורה ועבודת ה' ולשבר את הגדרים שלכם וכל המניעות שלכם שאתם רוצים להחשיך ולהסתיר את אור היום!** בחי' יום הוא ועדיך יבוא" וכו', עיי"ש בפנים דבריו הנפלאים.

[כב] שם אות ו', בא"ד, וזל"ש: "'לית יום דלית ביה טוב כ"ש בזוה"ק המובא (בסי' פ"ד) וז"ל ת"ח כל שית ימי בראשית וכו' ולא תשכח יום דלית ביה טוב וכו' וכל יומא אית ליה גדר מלבר דלא ייעול כל בר נש לההוא טוב כגון חושך דכסיא לנהרוא וכו'. על כן צריכים לידע שמה שנדמה להאדם כאילו היום א"א לו להתפלל בכונה וללמוד ולעסוק בעבודת ה'

"יום רע" - קומט אוים פון דאנעט, נישט נאר (עס איז אים רע), נאר אפילו אז ער עסט און טרינקט - אבער א טאג וואס ער דאוונט נישט און לערנט נישט (כהרגלו, אזי חושב לעצמו:) איך קען נישט דעם טאג (דינען דעם אויבערשטן), איך האב נישט קיין צייט. זאגט ער: "ראה" - זעה, קוק דיך איין גוט ועסטו זעהן אז דארטן איז אויך דא תורה, דארטן איז אויך דא 'טוב'.

"והימים נקראים מידות, כמו שכתוב (תהלים לט, ה): 'ומידת ימי'. והמידות הם התורה, כי אורייתא כולה הם מידותיו של הקדוש ברוך הוא, כי התורה מדברת מאהבה ויראה ושאר ה מידות, ובה ברא הקדוש ברוך הוא עלמין, כמו שכתוב (משלי ח, ל): 'ואהיה אצלו אמון'. אל תקרי אמון אלא אומן"[כג].

"ואותיות התורה הם המחיין את כל דבר ודבר" - יעדער זאך - דאס חיות איז נאר פון די אותיות התורה, די תורה איז דאס חיות פון אלעם. א זאך וואס איז ווייט פון תורה - אן תורה איז נישטא קיין חיות!

"אלא כל מה שהמדריגה היא למטה, שם הם אותיות התורה בצמצום יותר ממה שהיו במדריגה יותר עליונה, ואינם מאירים כל-כך כמו למעלה במדריגה עליונה", אבער זאגן אז דארט איז נישטא חיות פון די אותיות התורה? (- ח"ו לומר כן, אלא) עס איז פארשטעלט מערער "כדי שלא להשפיע אור וחיותה יותר מהראוי".

"נמצא אפלו במדור הקלפות, היינו בימי רע, שהם מידות רעות ולשונות עכו"ם, [גם] שם יכולין למצוא אותיות התורה. אבל מחמת ריבוי הלבושים וגדל

זה נמשך רק מהחושך שקדם לאור שנמשך מפגם הצמצום הנ"ל שמשם נמשך הגדר מלבר שיש על הטוב שבכל יום כמבואר בזוהר הנ"ל, ומשם באים כל הטעיות והדחיות של כל אדם שבכל יום שנדמה לו כאלו היום הזה אינו כלום כאילו אינו מימי חייו כאילו היום א"א להתקרב להשי"ת כלל, כאשר נמצא זה ברוב בני אדם שאינם מפקחים על דרכיהם היטב! בפרט כשיש לו איזה סיבה ומאורע לטוב או להיפך ח"ו שאז היום מתבלבל אצלו לגמרי עד שרוב ימיהם כלים בזה להבל ולריק רחמנא ליצלן כגון ביום זה הוא יריד ויומא דשוקא וביום זה צריך לחשוב חשבונותיו ובזה היום יוצא לדרך ובאלו הימים הוא בדרך נע ונד ומטולטל ובזה היום בא מן הדרך וצריך להרים המשוי מעל העגלה ולסדר הסחורה ולחלקה כראוי וכו' וביום הזה מזדמן לו איזה מריבה וקטטה עם א' וביום זה נקרא על איזה סעודה וכיוצא בזה ביטולים ובלבולים שונים בכל יום ויום עד שכמעט בכל יום נמצא בו ביטול ובלבול גדול. ואפילו בשאר הימים שאין בו מאורעות כאלה. נדמה לו ג"כ ע"פ הרוב בכל יום כאלו היום הזה אינו כלום וכנ"ל. וכל זה נמשך מהגדר מלבר דאית על כל יום וכנ"ל, שנמשך מהחשך שקדם לאור דהיינו מבחי' פגם הצמצום הנ"ל שהוא בחי' תקון מעוט הלבנה כנ"ל.

[כג] בראשית רבה פרשה א', זוהר שמיני לה:

הצמצום, אינם נתראים אותיות התורה, הינו ימי טוב, על ידי ימי רע והחשך השורה עליהם".

"אבל מי שכופה את יצרו הרע, היינו הימי רע, היינו ה מידות רעות, אזי הרע נתבלבל לגמרי נגד ימי הטוב שבהם, אזי אותיות בולטות ונתראים ומאירים ביותר, כי מתחלה לא היו מאירין כל כך, כי לא קבלו אור מלמעלה, כדי שלא יקבלו הימי רע יותר מכדי חיונו, ועכשיו שנתבטל הרע, ונשארין אותיות התורה לבד, אזי מקבלין אור רב מלמעלה".

"נמצא, זה שכופה את יצרו, היינו שכופה את ימי רע, כשהוא מדבר עם העכו"ם או שרואה מידותיהם, אזי תיכף הרע ששוכן על הטוב היינו אותיות התורה, נתבטל ונופל, ואותיות התורה בולטין, אזי הוא יודע התורה שבאותו הדבר. (נפסק באמצע).

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **יואל בלייער**
הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **משה ליכטער**
הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו כמר
**אליהו שרגא** לעול
התורה והמצוות
למזל טוב

מוה"ר **מאיר**
**אברהם**
**קנאפפלער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **אלי' פדווא**
הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
י"ג אייר תשפ"א. תנצב"ה

לעילוי נשמת האשה **נעכא רבקה**
(אליאס) ע"ה בת ר' **קלונימוס**
**קלמן** דרוק שליט"א
נלב"ע ח"י תשרי תשפ"ב. תנצב"ה.

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה**
ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו, י"ב שבט
תשע"ט. תנצב"ה